א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

תשע"ט · פרשת ואתחנן · 292

## מאוצרות אמונים
### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### משה האט געוואלט אריינגיין אין ארץ ישראל צוליב די אידן

"אֶעְבְּרָה נָּא וְאֶרְאֶה אֶת הָאָרֶץ הַטּוֹבָה" (ג כה)

"וכי לאכול מפריה הוא צריך? או לשבוע מטובה הוא צריך? אלא כך אמר משה: 'הרבה מצות נצטוו ישראל ואין מתקיימין אלא בארץ ישראל, אכנס אני לארץ כדי שיתקיימו כולן על ידי'" (סוטה יד א).

דער לעמבערגער רב **רבי יוסף שאול נאטאהנזאן** האט געזאגט:

ווען משה רבינו האט געוואלט אריינגיין אין ארץ ישראל כדי צו מקיים זיין די מצוות התלויות האט ער נישט זיך אינזין געהאט, נאר די טובה פון די אידן. ווייל נאך וואס די אידן האבן געזינדיגט ביים עגל האט משה מלמד זכות געווען אויף זיי מיט די טענה אז די אידן האבן געהאט א טעות און האבן געמיינט אז די תורה איז געגעבן געווארן נאר פאר משה און נישט פאר זיי (שמו"ר מג ה), און אויב ער וועט נישט אריינגיין, וועלן די מצוות התלויות בה זיין א ראיה אז די תורה איז יא געגעבן געווארן פאר די אידן, ווייל נאר זיי וועלן דאך עס קענען מקיים זיין ווען זיי וועלן אריינגיין, און לויט דעם וועט ער נישט קענען מלמד זכות זיין אויף זיי ווען זיי וועלן זינדיגן.

'דברי שאול' מהדורה חמישאה

### נאך משה'ס פטירה, ווער וועט דאווענען אויף די אידן?!

"כִּי לֹא תַעֲבֹר אֶת הַיַּרְדֵּן הַזֶּה... וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל שְׁמַע אֶל הַחֻקִּים וְאֶל הַמִּשְׁפָּטִים" (ג כז-ד א)

**רבי חיים וויטאל** זאגט, משה האט אזוי געזאגט פאר די אידן: ביז יעצט, ווען ענק האבן געזינדיגט האב איך געדאוונט אויף ענק און השי"ת האט מוחל געווען, אבער יעצט ווען דער אויבישטער האט מיר געזאגט "כִּי לֹא תַעֲבֹר", וועלן ענק נישט האבן ווער עס זאל דאווענען אויף ענק אזוי ווי איך האב געדאוונט ביז יעצט, וועגן דעם "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל שְׁמַע אֶל הַחֻקִּים וְאֶל הַמִּשְׁפָּטִים".

'עץ הדעת טוב'

### 'אחלצהו' כאטש אז 'עמו אנכי בצרה'

"כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו" (ד ז)

זאגט מרן ה'**חתם סופר**':

אויף א בשר ודם איז געזאגט געווארן דער כלל (ברכות ה ב): "אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורים", ד.מ., אויך דער צדיק וואס א צווייטן קען ער העלפן מיט זיין תפילה, אבער זיך אליינס קען ער נישט העלפן. אבער אין אנזער פסוק זעהן מיר אז ביים אויבישטן איז אנדערשט; כאטש אז ער איז: "אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו", ד.מ.: ער איז נאנט צו אונז און פילט מיט אונזער צער, פון דעסוועגן נעמט ער אן אונזערע תפילות און העלפט אונז "בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו". און דאס האט דוד המלך מרמז געווען אין תהילים (צא טו): "עִמּוֹ אָנֹכִי בְצָרָה", און פון דעסוועגן: "אֲחַלְּצֵהוּ וַאֲכַבְּדֵהוּ".

'חתם סופר' דברים ליקוטים עמ' קנו

## רזי אמונים
### רמזים פון אמן אין די פרשה

### 'צדק"ה' אקעגן 'עבודה זרה'

"וּצְדָקָה תִּהְיֶה לָּנוּ כִּי נִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת אֶת כָּל הַמִּצְוָה הַזֹּאת לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵינוּ כַּאֲשֶׁר צִוָּנוּ" (ו כה)

אין תיקוני זוהר (יט, דף מא ב) ווערט געברענגט, אז דיווארט 'צדקה' איז מרמז אויף די צאל פון עטליכע דברים שבקדושה וואס א מענטש דארף זאגן יעדן טאג: צ' אמנים, ד' קדושות, ק' ברכות און ה' חומשי תורה. מ'קען זאגן אז דער יסוד איז אויך מרומז דא אין פסוק: ווען וועט זיין "וּצְדָקָ"ה תִּהְיֶה לָּנוּ"? "כִּי נִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת אֶת כָּל הַמִּצְוָה הַזֹּאת לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵינוּ כַּאֲשֶׁר צִוָּנוּ" - ווען מיר וועלן איינהאלטן דער צאל וואס די חכמים האבן באשטימט אויף די דברים שבקדושה, וואס זענען מרומז אין די ווארט "צדקה".

מיט דעם קען מען פארשטיין וואס די חכמים זאגן (כתובות סח א): "כל המעלים עין מן הצדקה - כאילו עובד עבודת כוכבים". פארוואס האבן די חכמים אזוי שטארק מחמיר געווען אין די ענינים פון צדקה? נאר ווייל ווי געזאגט אין די ווארט "צדקה" זענען מרומז די אמן'ס און די ברכות, וואס זענען די יסודות פון אמונה, און וועגן דעם דער וואס לאזט נאך אין די זאכן איז עס ווי ער ווערט נאכגעלאזט אין אמונה.

'נחלת יעקב יהושע' שמות

### יעדע תפילה ווערט אנגענומען

"כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו" (ד ז)

זאגט **רבי שלום פון בראהין**:

אונזערע תפילות ווערן אנגענומען אין הימל "בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו" - ווען מיר דאווענען, אן קיין שום תנאי און באגרעניצונגען. אזוי ווי האדמו"ר **רבי שלמה חיים פון קוידינוב** טייטש וואס מיר זאגן ביי שמונה עשרה: "כי אתה שומע תפילת כל פה", אפילו א תפילה וואס ווערט געזאגט אינגאנצן נאר מיט די 'פה', אן קיין כוונה, ווערט אויך אנגענומען אין הימל.

'דברי שלום'

### די תפילות ווערן אנגענומען אן קיין גרעניץ

"כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו" (ד ז)

דער '**כתב סופר**' ערקלערט:

ווען א מענטש בעהט הילף פון זיין'ס א קרוב, אפילו אויב ער איז דאס מערסטע נאנט צו אים, איז דא א גרעניץ אויף די צאל פון די בקשות וואס ער קען בעהטן פון אים. אבער ביים אויבירשטן, איז נישט פארהאן קיין גרעניץ אויף די בקשות וואס מיר בעהטן פון אים - "בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו", און פון דעסוועגן איז ער נאנט צו אונז, און ער נעמט אן אונזערע תפילות ברחמים וברצון.

'כתב סופר'

### פארוואס ווערט דערמאנט 'שמור' פאר 'זכור' ביי 'לכה דודי'?

"שָׁמוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ כַּאֲשֶׁר צִוְּךָ ה' אֱלֹקֶיךָ" (ה יא)

אין דעם פיוט 'לכה דודי' וואס ווערט געזאגט ביי 'קבלת שבת' זינגען מיר: "שמור וזכור בדבור אחד השמיענו א-ל המיוחד". פארוואס האט דער פייטן דערמאנט 'שמור' פריער פון 'זכור', אין די צייט וואס אין די תורה שטייט פריער 'זכור' ביי די ערשטע דברות (שמות כ ח), און 'שמור' נאר ביי די צווייטע דברות?

**רבי צבי יחזקאל מיכלזאהן** דער פלונסקער רב ערקלערט מיט א פשטות, ווייל דער מחבר פון דער פיוט רבי שלמה אלקבץ האט געוואלט דערמאנען זיין נאמען אין די אנהויב פון די שטיקלעך ['שלמה הלוי'], דעריבער האט ער מקדים געווען 'שמור', כדי צו אנהויבן מיטן אות שי"ן - די ערשטע אות פון זיין נאמען.

אבער **רבי ברוך עפשטיין** פון פינסק האט נישט געוואלט אננעמען דער ערקלערונג. לויט זיין מיינונג, קען נישט זיין אז דער מקובל רבי שלמה אלקבץ זאל טוישן די סדר פון די פסוקים כדי צו מרמז זיין זיין נאמען. דעריבער פראבירט ער צו געבן א אנדערע ערקלערונג אויף דעם, דער רמב"ן אין זיין פירוש אויף תורה (שמות שם) שרייבט: "אין מדרש פון רבי נחוניא בן הקנה (ספר הבהיר אות קפב) ווערט דערמאנט א גרויסער סוד אויף 'זכור' און 'שמור', און די זכירה איז אויף בייטאג, און די שמירה איז אויף ביינאכט".

אן מיר זאלן אריינגיין אין די טיפקייט פון די זאכן, זעהט מען אבער קלאר אז 'שמור' איז געזאגט געווארן אויף שבת-ביינאכט, און 'זכור' אויף שבת-בייטאג, און וועגן דעם פארשטייט מען פארוואס אין דעם פיוט 'לכה דודי' וואס ווערט געזאגט שבת ביינאכט דערמאנט מען פריער 'שמור'.

שו"ת 'תירוש ויצהר' סי' קלד; 'ברוך שאמר' על התפילה עמ' רלה

## ככל אשר צוה מרדכי אל היהודים...


י"ב באב תקפ"ט

די וואך געפאלט דער יארצייט פונעם רבן של ישראל רבי **מרדכי בנעט** זצוק"ל, וואס אויף אים דערציילט זיין זוהן רבי יעקב:

**"פון אייביג אן איז ער געווען פון די עשרה ראשונים, און ער האט אויסגעהערט יעדן איינציגסטן ווי ער זאגט די ברכות השחר כדי ער זאל קענען ענטפערן אמן נאך זיי, און נאכדעם האט ער זיך אוועק געשטעלט זאגן פאר זיי די ברכות השחר מיט א זיסע שטימע און מיט כוונה, בעפאר דער שליח ציבור האט זיך געשטעלט דאווענען".** 'תולדות רבי מרדכי בנעט' עמ' 16

**ברכות השחר: אויפן קול · מיט כוונה · מיט א חברותא.**

# תענה אמונים

א בליק איבער די מעלה
פון 'השכמת בית המדרש'

## השכמת בית המדרש (ב)

### גיין שלאפן אין די צייט כדי אויפשטיין אין די צייט

דער וואס וויל אויפשטיין פריה אזוי ווי עס דארף צו זיין, דארף זיך שוין זארגן אויף דעם ביינאכט ווען ער גייט שלאפן. עס איז באקאנט דער פשט פון הגר"ח וואלאזשינער ('רוח חיים' אבות ב יג) אויפן פסוק אין משלי (ו ט): "עד מתי עצל תשכב מתי תקום משנתך", נישט אינדערפריה זאגט מען די ווערטער פאר א מענטש ווען מ'וועקט אים אויף צום דאווענען און ער איז פויל, ווייל דעמאלטס איז אים זייער שווער אויפשטיין. נאר ביינאכט זאגט מען אים אזוי: "עד מתי עצל" וועסטו זיך ארום דרייען אן גארנישט טוהן? "תשכב" גיי יעצט שלאפן! און אויב דו וועסט זאגן: וואס דארף מיר אנגיין ווען איך גיי זיך לייגן? איז דער ענטפער: זארג דיך "מתי תקום משנתך?!" - ווען וועסטו אויפשטיין פון דיין שלאף. אויב דו וועסט זיך לייגן שלאפן שפעט, וועסטו אויפשטיין שפעט, און דו וועסט נישט קענען דאווענען אין די צייט.

אויפן גערער רבי'ן דער 'אמרי אמת' ווערט געברענגט אז ער פלעגט זייער שטארק רימען די מעלה פון אויפשטיין פארטאג'ס. און אזוי האט ער זיך אליינס געפירט, און צוליב דעם האט ער אכטונג געגעבן זיך צו גיין לייגן אין א באשטימטע און פונקטליכע צייט. אין נאמען פון זיין פאטער דער 'שפת אמת' האט ער נאכגעזאגט די סיבה פארוואס אין די ברייתא פון 'אלו דברים' צווישן די זאכן "שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת...", רעכנט מען אויך אויס "השכמת בית המדרש שחרית **וערבית**", וואס איז די כוונה פון 'השכמת' ערבית? נאר, עס קומט אונז לערנען, אז כדי אויפשטיין אינדערפריה, דארף מען גיין שלאפן פריה, ווייל אויב נישט - וויאזוי קען מען אויפשטיין.

נאך ווערט דערציילט דורך א שכן פונעם 'אמרי אמת' אין די תקופה וואס ער האט געוווילט אין ווארשא, און ער האט באהאלטערנערהייט נאכגעקוקט זיינע הנהגות, האט ער באמערקט אז יעדע נאכט אין א באשטימטע שעה לעשט זיך אויס די עלעקטער אין זיין צימער, און אין אינדערפריה אין די פארטאג'ס שעה'ן צינדט זיך עס צוריק אן אין א באשטימטע שעה, אזוי האט ער עס מיטגעהאלטן א לאנגע צייט מיט א אויסערגעוועינליכע פונקטליכקייט. אויך ווען עס איז פארגעקומען א וויכטיגע צוזאמענקום פון גדולי הרבנים אין זיין הויז, האט זיך נישט געענדערט זיין מנהג; געציילטע מינוטן פאר זיין באשטימטע שלאף שטונדע זענען די רבנים ארויס פון זייער הויז, די עלעקטער האט זיך אויסגעלאשן אין די באשטימטע צייט, און אויפצומארגנ'ס אינדערפריה האט זיך עס צוריק אנגעצינדן פון דאסניי אין די פונקטליכע צייט ('ראש גולת אריאל' עמ' רעה).

מיר טרעפן מוסר-ווערטער פונעם רבי ר' יהונתן אייבשיץ וואס ער האט געזאגט פאר די אידן אין זיין שטאט: "עס איז נישט גוט דאס וואס מיר פארברענגען די טייערסטע צייט מיט נארישקייטן און פוסטע רייד, בעוונותינו הרבים, און מ'דרייט איבער ליכטיג אויף טונקל. ווייל ביינאכט פארברענגט מען מיט נארישקייטן... און אינדערפריה - דער זון שיינט שוין לאנג, און זיי שלאפן נאך אויף זייערע בעטן, זיי דרייען זיך פון איין זייט צו די צווייטע, און דערלייגן זמן תפילה, וואס בעוונותינו הרבים עבירה גוררת עבירה" ('יערות דבש' ח"ב דרוש י).

דער שינאווער רב האט געזאגט, נישט אומזינסט האט דער רמ"א צוגעשריבן אויף די ווערטער פון דער מחבר אין שולחן ערוך אין אנהויב חלק אורח חיים: "יתגבר כארי לעבודת הבורא" - "ובשכבו על משכבו ידע לפני מי הוא שוכב, **ומיד שיעור משנתו יקום בזריזות לעבודת בוראו** יתברך ויתעלה"; כאטש אז די צווייטע חלק פון די הגהה איז פונקט ווי די ווערטער פונעם מחבר, זעהט אויס אז דער רמ"א וויל אונז לערנען דעם אויבנדערמאנטן יסוד, אז כדי ער זאל זיך אויפוועקן מיט א זריזות צו עבודת הבורא, דארף ער זיך לייגן ווי עס דארף צו זיין ('דברי יחזקאל' בחידושים לתהלים).

### דאווענען מיט א סדר

דער וואס שפעטיגט צום דאווענען - וועט זיין געצווינגען אויסלאזן עטליכע שטיקלעך פונעם דאווענען, און די קדמונים ברענגען אז דער מגיד האט אנגעווארנט דעם בית יוסף ער זאל מקפיד זיין קומען פריה צום דאווענען, כדי ער זאל קענען דאווענען אויפן סדר אן דארפן איבערהיפן, ווייל דער וואס טוהט יא אזוי 'דרייט איבער די צינורות' (משנ"ב נב א).

אויב די תפילה איז יעדן טאג מיט א פעסטע קביעות, ד.מ. אז דער מענטש שטייט אויף אין א באשטימטע צייט יעדן טאג, און ער גרייט זיך צו ווי עס דארף צו זיין, און הייבט אן דאווענען אין א באשטימטע צייט - א שלימות'דיגע דאווענען, ווארט ביי ווארט אן איבערהיפן און אויסלאזן פארשידענע שטיקלעך, ווייזט ער מיט דעם אז ער האלט זיך ווי א קנעכט פון דעם האר פון דער וועלט. אבער אויב ער דאוונט היינט אין די צייט און מארגן אין א אנדערע צייט, וועט ער היינט איבערלאזן די קאפיטל און מארגן א אנדערע, און צומאל וועט ער נאר קענען אניאגן צו זאגן 'אשרי' און 'ישתבח', און דאס איבעריגע וועט ער משלים זיין ביי חזרת הש"ץ א.ד.ג.. דאס איז ממש א קעגנזאץ צו דער פליכט פון יעדן איד צו קעניגן דעם אויבערשטן.

און עס ווערט געברענגט אין תיקוני זוהר (תיקון ו דף כא א), אז אויב א מענטש דאוונט און לערנט אין באשטימטע צייטן, העלפט אים אויך די שכינה אויף א באשטימטן אופן (הגר"ש דעבליצקי זצ"ל, 'עת לדרוש' ימים נוראים עמ' מה).

אויסער דעם, דער גר"א שרייבט דאך אז דער גאנצער סדר התפילה איז אויסגעשטעלט לויט די עולמות העליונים, און ח"ו מ'זאל איבערהיפן עפעס א טייל פונעם דאווענען, און מ'האט נישט מתיר געווען איבערהיפן אויף די פסוקי דזמרה נאר צוליב דאווענען תפילה בציבור. נאך שטייט אין ברכות (מג ב, ע"פ רש"י שם ד"ה פושע) אז דער וואס גייט ארייין שפעט אין בית המדרש ווערט אנגערופן א 'פושע' און א 'עצל'. און דער וואס קען קומען צייטליך צום דאווענען, און ער שפעטיגט כדי ער זאל נישט דארפן ווארטן עטליכע מינוט אויפן חזן, איז נישט פארהאן קיין גרעסער בזיון פון דעם, כאילו ער גלייבט נישט אז די שכינה געפינט זיך אין שול בשעת'ן דאווענען. אדרבה עס איז פאסיג צו ווארטן עטליכע מינוט פארן דאווענען ארויסווייזן כבוד שמים, אויסער דעם וואס אויב ער שפעטיגט קען ער ח"ו געשטרויכלט ווערן מיט חילול ה'.

א יונגערמאן האט אמאל אנגעפרעגט דעם משגיח רבי יחזקאל לעווינשטיין אז ער האט פאר זיך צוויי מעגליכקייטן: אדער דאווענען ותיקין, אבער די מציאות איז אז דעמאלטס וועט ער מוזן פארשפעטיגן ארום צעהן מינוט און אריבערהיפן די פסוקי דזמרה, אדער דאווענען אין א שפעטערדיגע מנין ווען דעמאלטס קען ער אנקומען צייטליך. האט אים דער משגיח געזאגט: 'ותיקין' איז א 'מעלה' ביים דאווענען, אבער א דאווענען אן קיין 'פסוקי דזמרה' האט אינגאנצן נישט קיין צורה פון א דאווענען, און עס איז זיכער אז ער זאל ענדערשט דאווענען מיט דעם שפעטעדיגן מנין ('בני חיל' על מ"ח קנייני התורה עמ' קמז).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## דער וואונדערליכער 'לחש' וואס האט אויסגעהיילט דעם גר"א

דער אינטערסאנטער און אומבאקאנטער ערציילונג, אויף דעם ווילנער גאון זי"ע, האט דערציילט דער באקאנטער מגיד רבי ראובן קארעלנשטיין זצ"ל, וואס האט עס געהערט פון זיין רבי, דער באקאנטער מגיד רבי שלום שוואדראן זצ"ל:

עס איז באקאנט אז דער גר"א האט אגאנץ לעבן אכטונג געגעבן נישט גיין צו קיין דאקטורים. ער איז געווען געוואוינט נאכצוזאגן דעם הייליגן לשון פונעם רמב"ן אין זיין פירוש אויף תורה (ויקרא כו יא): "הדורש השם בנביא לא ידרוש ברופאים, **ומה חלק לרופאים בבית עושי רצון השם...**".

איינמאל האט דער גאון געליטן זייער שטארקע ווייטאגן פון א אויער אנטצינדונג וואס האט אים זייער וויי געטון און האט אים אויך געשטערט פון לערנען. דער גאון האט זיך זייער אפגעפלאגט מיט זיינע ווייטאגן, און זיינע נאנטע וואס האבן צוגעזעהן די שרעקליכע שמערצן, און פון די אנדערע זייט האבן זיי געוואוסט אז ער וועט זיך נישט לאזן היילן דורך דאקטורים, האבן געזוכט א וועג וויאזוי גרינגער צו מאכן זיינע יסורים, און נאכן זיך נאכפרעגן האבן זיי געהערט אז אין עק שטאט ווילנא וואוינט א עלטערע אלמנה, א יראת שמים און א ערליכע, וואס אויף איר דערציילט מען אז זי היילט אויס אויך שווערע קראנקייטן דורך א ספעציעלע 'לחש' וואס זי האט באקומען פון א פארבארגענעם מקור.

די נאנטע פונעם גאון האבן זיך געפריידט צו הערן די באריכט, און זיי האבן זיך געאיילט ארויף גיין צו דעם הויז פונעם גאון אים דערציילן אז זיי האבן געטראפן א לעזונג אויף זיינע ווייטאגן. "דא אין שטאט איז פארהאן א פרוי וואס היילט אויס פארשידענע קראנקייטן דורך א 'לחש'" - האבן זיי דערציילט פארן גאון, "דורך איר קען דער רב פארגרינגערן פון זיך די ביטערע ווייטאגן אן צו דארפן גיין צו דאקטורים".

דער גאון האט זיי אויסגעהערט, און נאכן איבערטראכטן האט ער מסכים געווען מ'זאל רופן די פרוי צו זיין הויז.

ווען די פרוי איז אנגעקומען צו די הייליגע הויז, האט דער גר"א צום ערשט אנגעהויבן אויספארשטן פון וואו זי האט באקומען איר כח אויסהיילן קראנקע, כדי עס זאל חלילה נישט זיין פון א טמא'נער מקור. אבער די פרוי האט נישט געוואלט אויסזאגן איר סוד, ווען זי טענה'עט מיט זארג: "דאס איז מיין איינציגסטער מקור פרנסה, און אויב איך וועל אנטפלעקן מיין סוד קען איך פארלירן מיין פרנסה אויף אייביג".

עס איז זעלבסטפארשטענדליך אז איר ציטער און זארג איז געווען אויף אומזינסט. איינער פון די תלמידים האט איר ערקלערט אז זי דארף נישט מורא האבן אז דער גאון און קדוש, וועט ח"ו אויסזאגן דעם 'לחש' פאר אנדערע.

די פרוי האט פארשטאנען און עס אנגענומען. זי האט מסכים געווען אויסזאגן פארן גאון וויאזוי דער 'לחש' ארבעט, און אירע ווערטער האבן איבערראשט מיט זייער איינפאכקייט:

"איך נעם אין מיין האנט א גלאז וואסער, און איך שטעל זיך אוועק נעבן דעם וואס דארף געהאלפן ווערן, איך זאג די ברכה 'שהכל נהיה בדברו' מיט גרויס כוונה און איך טרונק, און די ישועה קומט. דאס אלעס".

די נאנטע פונעם גאון האבן באמערקט א לייכטע שמייכל וואס האט זיך אנגעהויבן אויסשפרייטן אויף זיינע ליפן, ווען ער פרעגט: "און ווער האט דיר געזאגט דעם 'לחש'?".

"דער ריבונו של עולם!" - האט געענטפערט די תמימות'דיגע פרוי, און האט באלד פארגעזעצט איר ערציילונג.

"מיט אסאך יארן צוריק, נאך וואס איך בין איבערגעבליבן א אלמנה פון מיין טייערער מאן וואס איז אוועקגעריסן געווארן פון מיר אין א יונגן עלטער, בין איך געווען אליינס אויף דער וועלט מיט מיינע קליינע יתומים'לעך, איך האב נישט געהאט קיין געלט ביי מיר זיי צו קענען שפייזן. אין אנהויב האב איך פראבירט צו פארדינען פון דא און דארט, אבער עס איז מיר נישט געלונגען.

מיט מיין ביטער הארץ און פארצווייפלונג, האבן איך באשלאסן זיך צו ווענדן צום אויבערשטן. אין א שפעטע פארמיטאג שעה בין איך אריין אין שול, איך האב געעפענט די ארון הקודש און איך האב אנגעהויבן וויינען צו השי"ת אויף דעם וואס איך האב נישט קיין פרנסה. איך האב געוויינט נאך און נאך און איך האב אים געבעהטן מיט איינפאכע ווערטער ער זאל מיר שיקן פרנסה. איך האב זיך געבעהטן פון טיפן הארץ און מיין תפילה איז אנגענומען געווארן.

פלוצלינג האב איך געהערט א בת קול פון הימל וואס זאגט מיר - איך האב זיך געדארפט אביסל אנשטרענגען כדי צו הערן גוט די ווערטער - אבער דאס האב איך געהערט: 'זאלסט זאגן 'שהכל נהיה בדברו' צו היילן מענטשן, און פון דעם וועסטו האבן פרנסה ברווח'.

איך האב טאקע אזוי אנגעהויבן צו טוהן, און פון דעם האב איך פרנסה ברווח, ברוך ה', שוין העכער דרייסיג יאר" - האט די פרוי געענדיגט איר דערציילונג.

ווען דער גאון האט געהערט די גאנצע ערציילונג פון די פרוי, האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן און האט אויסגעבראכן אין א געלעכטער. פון די פלוצלינגדיגע געלעכטער האט זיך אויפגעפלאצט די אייטער אין זיין אויער, און האט שוין מער נישט געדארפט צוקומען צו א 'לחש' אויף א רפואה...

"פארוואס האט דער רב געלאכט" - האט די פרוי געפרעגט מיט א כמעט פארשעמטן טאן, "כ'האב דען נישט גוט געטון?" - האט זי זיך געוואונדערט.

האט דער גאון ערקלערט:

"איך בין געווען דער 'בת-קול'...". איך בין דעמאלטס געזיצן און געלערנט אין די אויבערשטע שטאק פון דער שול, אין די ווייבער-שול, ווען פלוצלינג הער איך פון די ריכטונג פון שול א אידענע וויינט זיך אויס איר ביטער הארץ. מיין הארץ איז פול געווארן מיט רחמנות געפיהלן און איך האב נישט געקענט פארזעצן מיין לערנען. איך האב געהערט ווי די פרוי שרייט און בעהט נאכאמאל און נאכאמאל אויף 'פרנסה... פרנסה', איך האב איר געוואלט בארואיגן, האב איך אראפגעשריגן פון אויבן:

'אויב עס פעלט דיר פרנסה, זאג 'שהכל נהיה בדברו' מיט כוונה. דאס וועט דיר זיכער העלפן'. איך האב נישט געטראכט פון פריער און נישט גערעכנט וואס איך זאג, נאר די ווערטער האט דער אויבישטער אריינגעלייגט אין מיין מויל אין יענע מינוט כדי צו בארואיגן די אומגליקליכע פרוי".

דער גאון האט גארנישט געטראכט און געמיינט, אבער: 'צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים'. נאך וואס די ווערטער זענען ארויס פון זיין מויל און די פרוי האט עס מקיים געווען מיט א תמימות אזוי ווי זי האט געהערט, האט דער אויבישטער מקיים געווען זיינע ווערטער. די פרוי איז געהאלפן געווארן מיט פרנסה, און אסאך זענען טאקע געהאלפן געווארן אין דעם זכות.

'יחי ראובן' מטות

עיצובים shay